Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

הײַנט 10 זײַטען.

NAJER FOLKSBLAT פרייז 20 גראשען

# נייער פאלקסבלאַט

Nr. 192 | Łódź, Niedziela 18 sierpnia 1929 r. | זיבעטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, יב' מנחם אב תרפ"ט | № 192

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פּיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

# אויסגעבראכען כינעזיש=סאוויעטישער קריג?

## אלארמירענדע ידיעות, אז דאס סאוויעטישע מיליטער איז אריבער אין קריגס=אנגריף

לאַנדאָן, 17. (ספּ. טעל.) די „וועסטמינסטער־פּרעס" האָט אין די צייטונגען איבערגעשיקט פאלגענדע אַלאַרמירענדע דעפּעשען:

אויף די מוקדענער גאַסען האָבען זיך בעוויזען גרויסע אַפישען, אין וועלכע די מאַנדזשורישע רעגירונג טיילט מיט דעם פאָלק וועגען אויסבראָך פון דער סאָוויעטיש־כינעזישער מלחמה.

לויט'ן אָפיציעלען קאָמוניקאַט האָט נעכטען אין אָוונט דאָס סאָוויעטישע מיליטער אין גענוג בעדייטענדע כוחות, בעוואָרנט מיט די מאָדערנסטע טעכנישע מיטלען — אַריבערגעטרעטען די כינעזישע גרעניץ אויף אַ שטח פון 30. קילאָמעטער אויף צפון־מזרח פון מאַנדזשוריען און האָבען ביז איצט בעזעצט 2 כינעזישע שטעט.

דער הויפּט־אָנפיהרער פון דער כינעזישער אַרמעע האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז דאָס כינעזישע מיליטער זאָל מיט אַלע מעגליכע מיטלען זיך בעמיהען אָפּצושוואַכען דעם אָנגריף פון די סאָוויעטישע אָפּטיילונגען.

די כינעזישע מאַכט האָט אָפיציעל מיטגעטיילט די אויסלענדישע געזאַנדשאַפטען וועגען דעם, אַז סאָוויעטען האָבען אָנגעהויבען די מלחמה.

**שאַנכאַי, 17. (ספּ. טעל.)** דער אויסערן־מיניסטער פון דער כינעזישער רעגירונג ד"ר וואַנג האָט בעאויפטראַגט דעם כינעזישען אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן, ער זאָל מיטיילען אַלע מלוכות, וואָס האָבען אונטערגעשריבען דעם קעלאָג־פּאַקט, אַז כינאַ שטרעבט צו ליקווידירען דעם קאָנפליקט מיט די סאָוויעטען אויף אַ פרידליכען וועג. איצט אָבער ווען די גרעניצען פון כינאַ ווענען אָנגעגריפען געוואָרען לאָזט זיך כינאַ אַלע רעכט פון אַן אַטאַקירטער מלוכה. אויפ'ן שאַנכאַיער מאַרק איז פערהאַן אַ שטאַרקע נאָכפראַגע אויף וואַרימע וועש און וואַרימע מונדירען, פון וואָס מ'קען דרינגען, אַז די כינעזישע רעגירונג רעכענט זיך מיט אַ ווינטער־קריג.

וואַרשאַ, 17. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) צוליב די אַלאַרמירענדע ידיעות וועגען דעם אָנהויב פון דער מלחמה צווישען די סאָוויעטען און כינאַ האָט אייער קאָרעספּאָנדענט זיך געווענדעט צו דער סאָוויעטישער געזאַנדשאַפט מיט דער פראַגע, אויף וויפיל די ידיעות שטימען מיט דער ווירקליכקייט. דער רוסישער געזאַנדטער האָט געענטפערט, אַז די ידיעות זענען נישט קיין ריכטיגע, ווייל ווען דער פאַל וואָלט ווירקליך געווען, וואָלטען תיכף וועגען דעם אינפאָרמירט געוואָרען אַלע פאָרשטעהער אין די אויסלענדישע מלוכות. אמת איז נאָר, אַז אויף דער סאָוויעטיש־כינעזישער גרעניץ קומען פאָר צוזאַמענשטויסען פון סאָוויעטישען מיליטער מיט די ווייס־גוואַרדיסטען.

=======

# בילדער פון דער מורא'דיגער באהן-קאטאסטראפע אין לאדז

## די צוויי אומגעקומענע יודישע זעלנער



יעקב דוד גערשט זעלנער פון 28. פאלק



יעקב דונסקי, זעלנער פון 28. פאלק



אַ צושמעטערטער וואגאן



אַ צושמעטערטער און איבערגעקערטער וואגאן

די לויה פון די אומגעקומענע—זעה 8 זייט

